הונט, ווערט דיא כלי טמא (מפני שהוא בורח ליבשה) ווייל דער ים הונט לופט אויף דער טריקענעש אויך (דברי רבי עקיבא) אזו זאגט רבי עקיבא (העושה כלים מן הגדל בים) ער האט גימאכט אכלי פון דיא פעל פון אים חיה (וחבר להם מן הגדל בארץ) אונ ער האט בהעפט צו דיא כלי אשטיקול פעל פון אבהמה אדער אחיה וואס איז אויף דיא טריקענעש (אפילו חוט) אפילו נאר איין פאדים (אפילו משיחה) אפילו נאר איין שנירול (דבר שהוא מקבל טומאה) אוב דיא שטיקול פעל אדער דער פאדים אדער דער שנירול קען טמא ווערין (טמא) ווערט דיא גאנצע כלי טמא: ד (ויש במה שנברא ביום הראשון טומאה) עס איז דא זאכין וואס זענען בשאפין גיווארין דעם ערשטין טאג וואס דיא וועלט איז בשאפין גיווארין אונ אז מען מאכט פון זייא אכלי. קען דיא כלי טמא ווערין. דיא ערד איז בשאפין גיווארין דעם ערשטין טאג. אונ אערדענע כלי קען טמא ווערין (בשני אין בו טומאה) וואס עס איז בשאפין געווארין דעם אנדערין טאג קען ניט טמא ווערין (בשלישי יש בו טומאה) וואס עס איז בשאפין גיווארין דעם דריטין טאג קען טמא ווערין. דעם דריטין טאג איז בשאפין גיווארין בוימער. אונ אהילצערנע כלי קען טמא ווערין (ברביעי ובחמישי אין בהם טומאה) וואס עס איז בשאפין גיווארין מיטוואך אונ דאנערשטאג קען ניט טמא ווערין (חוץ מכנף העוז) נאר דיא כלי וואס ווערט גימאכט פון דיא פליגול פון דיא פויגיל וואס הייסט עזניה קען טמא ווערין (וביצת נעמית המצופה) אונ דיא איי פון אבת היענה וואס איז בדעקט מיט אזאך וואס קען טמא ווערין. ווערט זיא אויך טמא (אמר רבי יוחנן בן נורי) האט רבי יוחנן בן נורי גיזאגט (מה נשתנה כנף העוז מכל הכנפים) איך ווייס ניט פאר וואס איז גיענדערט דער פל גל פון דיא עזניה מער וויא דיא פליגעל פון אנדערע עופות. פאר וואס דיא כלי וואס איז גימאכט פון דיא פליגעל פון דיא עזניה ווערט טמא. אונ די

כלים אפי' במלופפ לא גזרו כיון דבאלי' מלופ' לא קיימא כלל : כל שנברא ביום הששי טמא . חיות ובהמות ושרצים ואדם אם עשה כלים מעצמותיהן או מעורותיהן מקבלים טומאה : מ"ז העושה כלי קבול מכל מקום. ואפי' לא עשאו ראוי לקבל . אלא משהו : משכב ומושב מ"מ . ליושבת מועטת. כגון שהיה קטן. או כתלה בו : מעור המצה . דלא מליח ולא קמיח ולא עפיץ : ומן הנייר . העשוי

וכל שנברא ביום הששי טמא: מ"ז העושה כלי קבול מ"מ טמא העושה משכב ומושב מ"מ טמא. העושה כים מעור המצה. מן הנייר. טמא. הרימון. האלון. והאגוז. שחקקום התינוקות למוד בהם את העפר. או שהתקינום לכף מאזנים טמא. שיש להם מעשה ואין להם מחשבה: מ"ז קנה מאזנים. והמחוק.

מעשבים : שיש להן מעשה . כיון שחקקום: ואין להם מחשבה · אם חשבו ללמוד בהן עפר כמות שהן חקוקים מאיליהן ולא עשו בהן מלאכה . אין מחשבתן מביאתן לידי טומאה : מ"ז קנה המאזנים . הרמאים עושין אותו חלול . ומניחין בחללו כסף חי וכשסוקלין מטין בקנה מעט והולך הכסף חי לצד הדבר הנשקל ומכביד ומכריעו : והמחוק . שמוחקין בו המדה כשהיא גדושה . ואם עושין אותה של

כלים וואס זענען גימאכט פון דיא פליגעל פון אנדערע עופות זענען טהור (וכל שנברא ביום הששי טמא) אונ אלץ וואס עס איז בשאפין געווארין דעם זעקסטין טאג קען טמא ווערין . חיות בהמות שרצים מענטשין . אז מען מאכט כלים פון זייערע ביינער אדער פון זייערע פעל . קענען דיא כלים טמא ווערין : מו (העושה כלי קיבול מכל מקום טמא) אז איינער האט גמאכט אכלי וואס מען קען אין איר אריין לייגין . אפילו נאר אגאנץ קליינע זאך . קען אויך דיא כלי טמא ווערין (העושה משכב ומושב) אז איינער האט גימאכט אזאך צו ליגען דארויף אדער צו זיצען דארויף (מכל מקום טמא) אפילו מען קען נימ ליגען אונ גימ זיצען דארויף וויא מען דארף . נאר אביסיל זיך אן לעגען . פון דעסטוועגין קען דאס טמא ווערין (העושה כים מעור המצה) אז מען האט גימאכט אבייטיל פון אפעל וואס זיא איז נימ אוס גיארבעט געווארין וואייל אפעל צום אוס ארבעטין בעזאלצט מען . אונ דיא איז נימ בעזאלצט געווארין דאריבר רופט מען איר מצה) . אדער ער האט גימאכט אבייטיל (מן הנייר) פון פאפיר (טמא) קען זיא טמא ווערין (הרימון) אמילגרום (האלון) אקאשטן (והאגוז) אנוס (שחקקום התינוקות למוד בהם את העפר) קינדר האבין גימאכט אלאך אין דיא שאלאכץ אונ ארוס גינומן די קערנר . אונ מיט דיא שאלאכץ זאלין זייא מעסטין ערד (או שהתקינום לכף מאזנים) אדער זיי האבין אנגיגרייט דיא שאלאכץ צו מאכין שאלין צוא וועגין (טמא) קענין די שאלאכץ ווערין טמא (שיש להם מעשה) קינדר אז זייא מאכין אזאך פאר אכלי . הייסט דאס אויך אכלי . דריבר אז זייא האבין גילעכערט דעם שאלאכץ צו מעסטין מיט אים אדער צוא וועגין איז דער שאלאכץ גיווארין אכלי (ואין להם מחשבה) זייא האבין נימ קיין טראכטונג . אז קינדר האבין גיפונן אשאלאכץ אונ זייא האבין גיטראכט צוא מעסטין מיט אים אדער צוא וועגין . ווערט נימ דער שאלאכץ אכלי ער זאל טמא ווערין : טז (קנה מאזנים) אשטעקין וואס מען וועגט מיט אים (אבעזמאן) אונ דיא פאלשע מענטשין מאכין אלאך אין דעם שטעקין אונ גיסין אריין קוועק זילבער . אונ ווען זייא וועגין ביינגן זייא אין דעם שטעקין לופט דיא קוועק זילבר אראפ צו דער זאך וואס ווערט גיוואוגין אונ זיא ווערט שווערער (והמחוק) אהאלץ צו פר גליכין אמאס תבואה.

דלעת וכיוצא בה מן הדברים הקלים הוא מיקל ורע למוכר ואם עושים אותה ממתכת הוא מכביד ורע ללוקח. אבל עושים אותה של זית ושל אגוז ושל אשכרוע. והרמאי עושה המחוק של זית וכל אגוז חלול. כשהוא מוכר מכניס בו מתכת כדי שיכבד. וכשהוא קונה מסלקו: והאסל. מוט שנושאים בו בכתף. וכשים פועלים מרוב' לאחר שקבל שכר משים בבית קבול שבמוט את שכרו ואומר לבעל הבית לא נתת לי שכרי וכשמחפשים אותו אין נותנים לב לחפש שם: קנה של עני. שיש בו בית קבול מים ושותה מהן. וכששואלים אותו אם טעם כלום אומר אני מתענ' היום: ורבותי פירשו בית קבול מים בית קבול משקין וכשטורח אצל בעל הבית בבית הבד גונב בו מן השמן: מקל שיש בו בית קבול מזוזה ומרגלית. ועושין כן כדי לגנוב בו את המכס: אוי לי אם אומר. שמא ילמדו ממני בני אדם לרמות: ואוי לי אם לא אומר. שמא יאמרו הרמאין אין תלמידי חכמים בקיאים במעשה ידינו. ומתוך כך יבואו לרמות יותר. ולמה אמרם משום דכתיב (הושע יד) כי ישרים דרכי ה' וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם:

תחתית

**שיש בהן בית קבול מתכות · והאסל שיש בו בית קבול מעות. וקנה של עני שיש בו בית קבול מים · ומקל שיש בו בית קבול מזוזה ומרגליות · הרי אלו טמאין · ועל כולן א"ר יוחנן בן זכאי : אוי לי אם אומר · אוי לי**

אם

---

דיא פאלשע מענטשין ווען זייא פאר קופין דיא מאס תבואה לייגין זייא אריין אשטיק אייזין אין דעם האלץ אראפ צוא שווערין אויף דיא תבואה גוט צו פאר גלייכין דיא מאס. אונ אז זייא קויפין תבואה נעמען זייא ארוס דעם אייזין פון דעם האלץ ווערט דער האלץ גרינג קען ער ניט גלייך מאכין דיא מאס תבואה. איז דיא תבואה העכער איבער דיא מאס (שיש בהן בית קיבול מתכות) אוב מען קען אין דעם בעזמאן אונ אין דעם האלץ אריין לייגין אשטיקול אייזין. קענן זייא טמא ווערין (והאסל) דער שטעקין וואס דר וואסר טרעגער טראגט אויף דעם האלדז ווען ער טראגט וואסר (שיש בו בית קיבול מעות) אוב אין דעם שטעקין איז דא אלאך אריין צו לייגין געלט אונ די פאלשע מענטשין אז מען בצאהלט זייא לייגין זייא אריין דאס געלט אין דעם שטעקין אונ זיי זאגין זייא האבין ניט גינומען. מען זוכט ביי זייא דאס געלט אונ מען געפינט ניט. וויל מען ווייס ניט אז עס ליגט אין שטעקין קען דר שטעקין טמא ווערין (וקנה של עני) אונ דר שטעקין פון אארעם מאן (שיש בו בית קיבול מים) וואס אין אים איז דא אלאך אריין צוא גיסין וואסר אדער איין אנדר מצוה. אונ אז ער ארבעט ביי ווין אדער ביי בומאייל גנבת ער אונ גיסט אריין אין שטעקין. קען דר שטעקין טמא ווערין (ומקל שיש בו בית קבול מזוזה ומרגליות) אשטעקין וואס אין אים איז דא אלאך אריין צו לייגין פעריל. אונ פון אובין צוא לייגין אמזוזה. מען זאל ניט זעהן דיא פעריל. אונ צוא גנבנן דעם גרעניץ מען זאל ניט דארפין אפ צאהלין פון דיא פעריל (הרי אלו טמאין) דיא שטעקינס קענן טמא ווערין (ועל כלן) אף דיא אלע פאלשע זאכין (אמר רבי יוחנן בן זכאי) האט רבי יוחנן בן זכאי גיזאגט (אוי לי אם אומר) ווייא מיר איך זאל זאגין (ואוי לי אם לא אומר) ווייא מיר איך זאל ניט זאגין. איך זאל זאגין וועלין זיך דיא פאלשע מענשין אפ לערנען וויא צו נארין. איך זאל ניט זאגין וועלין דיא פאלשע מענשין זאגין דיא חכמים ווייסין ניט אונזערע פאלשקייט מיר קענען זייא נארין:

אם לא אומר: יז תחתית הצורפין טמאה. ושל נפחין טהורה. משחזת שיש בה בית קבול שמן טמאה. ושאין בה. טהורה. פנקס שיש בו בית קבול שעוה. טמאה. ושאין בה טהורה. מחצלת הקש. ושפופרת הקש. רבי עקיבא מטמא, וריב"נ מטהר. ר"ש אומר אף של פקועות כיוצא בהן. מחצלת קנים ושל חלף טהורה. שפופרת הקנה שחתכה לקבלה

יז התחתית הצורפים . לירפי זהב וכסף יש התחתיהם כלי שסמו תחתית. והוא עשוי להת בתוכו גרוטאות של כסף ושל זהב . אבל של נפחים אין עשוי לקבל ולא מיוחד נמי ליקיבה : משחזת. של עץ שמשחיזין בה את הסכין ועושין לה בית קבול שמן שמושחין בה שמן להשחיז : פנקס של שעוה . שיש להגוי ולבולחני שכותב עליו בחרט : קש . זנבות השבולים ועושים מהם מחללאות : ושפופרת הקש. שהוא חלול ויש לו בית קבול : רבי

וקמיפלגי אי הוי דבר העומד אי לא . דאין טמא אלא דבר העומד מאליו ור׳ עקיבא חשיב ליה דבר העומד . ור׳ יוחנן בן נורי לא חשיב ליה דבר העומד . והלכה כרבי עקיבא :

פקועות . דלעת מדבריות . ויש אומרים אבטיחים קטנים מרים . וקנה שלהן חלול כשפופרת של קש : חלף . מין עשב הוא ועושים ממנו חלפים ומחללהו׳ וקורין לו בערבי׳ הנפה : טהורה . מטומאת שרץ אבל לא ממשכב ומושב שהוא מטמא משכב

עקיבא מטמא . ולע"פ שקבולו מועט . דהא ומושב דאורייתא אם אינה עשוי לשכך: קנה דהגן לע"ל העושה כלי קבול מ"מ טמא . שחתכו לקבלה . לתת בו כחול וכיוצא בו :

---

ז (התחתית הצורפין טמאה) ביי דיא גאלד שמידין איז דא אבלי וואס זיי שטייען דארויף ווען זייא שמעלצין גאלד אונ זילבר. אונ דיא כלי איז גימאכט וויא אקעסטיל אריין צוא לייגין אינווייניג שטיקלאך גאלד אונ זילבר. דיא כלי קען טמא ווערין (ושל נפחים טהורה) אונ דיא כלי וואס דיא אייזין שמידין שטייען דארויף ווען זייא שמעלצין דיא אייזין. וייל אין די כלי קען מען גאר ניט אריין לייגין. ווערט ניט טמא דיא כלי (משחזת שיש בה בית קיבול שמן) אהילצערנער ראד צוא שארפין דארויף אמעסער. אוב אין איר איז דא אקעסטעלע אריין צו גיסן בומאייל צו בשמירן דעם ראד (טמאה) קען דער ראד טמא ווערין (ושאין בה) אונ אוב אין איר איז ניטא קיין קעסטעלע צו בומאייל (טהורה) איז זיא טהור (פנקס שיש בה בית קיבול שעוה) פאר צייטין איז גיוועזן אבוך אזו גימאכט. מען האט צו זאמען גיקלעבט ברעטלאך. אוף די ברעטלאך האט מען בשמירט וואקס. אונ אין דיא וואקס האט מען געקריצט אותיות. זאגט דיא משנה אוב דער בוך איז גימאכט מען זאל אין אברעטל קענען אריין לייגן אשטיקול וואקס צוא בעהאלטן (טמאה) קען דר בוך טמא ווערין (ושאין בה) אונ אוב מען קען ניט אריין לייגין אין דעם בוך וואקס צו בעהאלטן (טהורה) איז דער בוך טהור (מחצלת הקש) אראגאזע פון שטרו (ושפופרת הקש) אונ ארער פון שטרו. אונ מען קען אין איר עפעס אריין גיסן (רבי עקיבא מטמא) רבי עקיבא זאגט דיא ראגאזע אונ דיא רער קענן טמא ווערין (ורבי יוחנן בן נורי מטהר) אונ רבי יוחנן בן נורי זאגט זייא זענען טהור. רבי שמעון זאגט (אף של פקועות כיוצא בהן) דיא רער פון פקועות איז גלייך וויא די רער פון שטרו ופקועות איז אפרי אונ דר שטעקיל וואס דיא פקועות וואקסין דארויף איז אזו וויא ארער (מחצלת קנים ושל חלף) אראגאזע געמאכט פון שטעקלאך אדער פון חלף (טהורה) איז זיא טהור וחלף איז אזעלכע גראז וואס הייסט חלף (שפופרת

לקבלה. טהורה. עד שיוציא את כל הכבוי:

פרק יח **השידה**. בית שמאי אומרים נמדדת מבפנים. ובה"ה אומרים נמדדת מבחוץ. מודים אלו ואלו שאין עובי הרגלים. ועובי לזבזין נמדד. רבי יוסי אומר. מודים שעובי הרגלים ועובי לזבזין נמדד. וביניהם אינו נמדד. ר"ש שזורי אומר אם היו הרגלים גבוהות טפח. אין ביניהם נמדד ואם לאו ביניהן נמדד: **ב** מוכני שלה בזמן שהיא נשמטת. אינה חבור לה. ואינה

הכבוי. שמות שלבן שבתוך הקנה וקודם לכן אין לקנה טומאה ואפ' מדברי סופרים:

פרק יח **השידה** נמדדת מבפנים. דתנן לעיל (פ' טו) כלי עץ שמחזיק מ' סאה בלח שהן כורים ביבש טהור והיינו אמה על אמה ברום ג' אמות. והכא קמפלגי כיצד מודדים לב"ש מודדים הלל שבפנים ולא עובי הדפנות והשולים. ולב"ה הכל מודדים חוץ מעובי הרגלים ולבזבזים שהוא הזיר שעל השפה. ולר' יוסי מודדים אף עובי רגלי השידה והלבזבזים. ולר"ש אם אין רגלים גבוהים טפח מודדים אף האויר שבין רגל לרגל. והלכה כב"ה אליבא דת"ק:

**ב** מוכני. אופן כעין אופני העגלה ולפי שהשידה נתונה עליה קרויה מוכני. נכון את הכיור ואת כנו (שמו' ל): בזמן שהיא נשמטת. שאדם יכול לסלקה מן העגלה: אינה חבור לה. והיא חשובה כלי לעצמה ואי שידה בת

---

הקנה שחתכה לקבלה טהורה) אַרער פון אַשטעקיל וואס מען האט איר צוא שניטין מען זאל אין איר עפעס אריין לייגין. איז זיא טהור (עד שיוציא את כל הכבוי) ביז ער זאל ארוס נעמן פון אינוויינינג דיא גאנצע מארך די ווייסע. דיא ווער זאל אינוויינינג זיין ריין:

פרק יח א (השידה) אהילצערנע קאסטען אגרוסע אז זיא האלט אאייל דיא לייננג אונ אאייל דיא ברייט אונ דרייא איילין דיא הייך. ווערט זיא נית טמא. קריגען בית שמאי מיט בית הלל וויא אזו מען זאל דיא קאסטען מעסטין. בית שמאי זאגין (נמדדת מבפנים) זיא ווערט גימאסטען אינוויינינג. אונ דיא גרעב פון דיא ווענט אונ פון אונטערשטין דעק ווערט נית גימאסטען. אונ בית הלל זאגין (נמדדת מבחוץ) זיא ווערט גימאסטען פון אוסוויינינג. דיא גרעב פון דיא ווענט אונ פון אונטערשטין דעק ווערט מיט גימאכטען (מודים אלו ואלו) ביידע זאגען גלייך בית שמאי מיט בית הלל (שאין עובי הרגלים ועובי לזבזין (נמדד) אז דיא גרעב (דיא הייך) פון דיא פיס אונ דיא גרעב (דיא הייך) פון דעם גזימס וואס איבער דעם קאסטין ווערט נית מיט גימאסטען. רבי יוסי זאגט (מודים) בית שמאי מיט בית הלל זאגען גלייך (שעובי הרגלים ועובי לזבזין נמדד אז דיא גרעב (דיא הייך) פון דיא פיס אונ דיא גרעב (דיא הייך) פון דעם גזימס ווערט זיא מיט גימאסטע (וביניהם אינו נמדד) אונ צווישען דיא פיס. דיא ווייטקייט פון איין פוס צום אנדערין. ווערט נית מיט גימאסטען. רבי שמעון שזורי זאגט (אם היו הרגלים גבוהות טפח) אויב דיא פיס זענען הויך אטפח (אין ביניהם נמדד) ווערט נית גימאסטען דיא ווייטקייט וואס פון איין פוס צום אנדערין (ואם לאו ביניהן נמדד) אונ אויב דיא פיס זענען נית הויך אטפח. ווערט מיט גימאסטען דיא ווייטקייט וואס פון איין פוס צום אנדערין: ב (מוכני שלה) דיא ראד פון דעם קאסטין (בזמן שהיא נשמטת) אז מען קען איר אראפ נעמען פון דעם קאסטין (אינה חבור לה) איז זיא נית בהעפט צום

ואינה נמדדת עמה. ואינה מצלת עמה באהל המת ואין גוררין אותה בשבת בזמן שיש בתוכה מעות. ואם אינה נשמטת. חבור לה. ונמדדת עמה. ומצלת עמה באהל המת. וגוררין אותה בשבת אע״פ שיש בתוכה מעות. הקמרון שלה בזמן שהוא קבוע. חבור לה. ונמדד עמה. ואם אינו קבוע אינו חבור (לה) ואינו נמדד עמה. כיצד מודדין אותו. ראש

תור

קבולי טומאה שאינה מחזקת מ׳ סאה ונטמאת השידה לא נטמאת המוכני. ואי לאו בת קבול טומאה היא ונגע טומאה במוכני. המוכני טמאה דלא חשיבא מן השידה והיא מיטלטלת מלאה וריקנית ויש לה בית קבול: ואינה נמדדת עמה. בחשבון אמה על אמה ברום שלש אמות. דלא חשיבא כעובי הרגלי׳ ואפי׳ לרבי יוסי אינה נמדדת עמה: ואינה מצלת באהל המת. שאם השידה בבית הקברות מצלת על כלים שבתוכה כיון דמחזקת מ׳ סאה ואם בולטים ממנה כלים כנגד (גובה) המוכני אוירה רואין כאילו מלמעלה. אין המוכני מצלת עליה. דמוכני מקבלת טומאה ואינה חוצצת בפני הטומאה: בזמן שבתוכה מעות. דכלי בפני עצמה היא ובסיס לדבר האסור אבל אם אינה נשמטת הרי מאחר דלא הוי בתוך השידה בסיס עיקר הכלי: קמרון. כעין קובה שעושין על גבי שידה: נמדד עמה. להשלים מ׳ סאה: כיצד מודדים אותו. כשהוא קבוע: ראש תור. באלכסון דהאי קמרון אינו כנגד כל השידה אלא כיפה כנגד מקצת חללה וכשבא למדוד חוט נתון באלכסון

מכותל

קאסטין. נאר דער ראד היסט אבזינדער כלי (ואינה נמדדת עמה) אונ זיא ווערט ניט גימאסטען מיט דעם קאסטין אין דעם חשבון וואס שטייט אין דיא ערשטע משנה (ואינה מצלת עמה באהל המת) אוב דיא קאסטין שטייט אין אבית הקברות. דיא כלים וואס זענען אין דיא קאסטין ווערין ניט טמא. אונ דיא כלים וואס גייען ארוס פון דיא קאסטען גענין איבער דעם ראד. פארשטעלט ניט דער ראד דיא כלים זאלען ניט טמא ווערין. ווייל דער ראד אליין איז אויך טמא (ואין גוררין אותה בשבת בזמן שיש בתוכה מעות) אונ מען טאר ניט שלעפין דעם קאסטין אום שבת אוב אין דעם ראד ליגט געלט (ואם אינה נשמטת) אונ אוב מען קען ניט אראפ נעמען דעם ראד פון קאסטין (חבור לה) איז דר ראד אבהעפטונג צום קאסטען אונ זייא זענען ביידע איין כלי (ונמדדת עמה) אונ דער ראד ווערט גימאסטען מיט דיא קאסטען צוא דעם חשבון וואס שטייט אין דיא ערשטע משנה (ומצלת עמה באהל המת) אוב דיא קאסטין שטייט אין אבית הקברות דיא כלים וואס גייען ארוס פון קאסטען גענין איבער דעם ראד זענען טהור (וגוררין אותה בשבת אף על פי שיש בתוכה מעות) אונ מען מעג שלעפין דיא קאסטין אום שבת אפילו אין דעם ראד איז דא געלט. נאר אין דיא קאסטין זאל ניט זיין קיין געלט (הקמרון שלה) דער צודעק וואס איבער דיא קאסטען (בזמן שהוא קבוע) אז ער איז בהעפט צום קאסטין (חבור לה) איז ער אבהעפטונג איין כל מיט דעם קאסטען (ונמדד עמה) אונ ער ווערט גימאסטען מיט דעם קאסטין (ואם אינו קבוע) אונ אויב ער איז ניט בהעפט צום קאסטין (אינו חבור לה) איז ער ניט קיין בהעפטונג צוא דעם קאסטין. אונ דער דעק איז אבזונדער כלי (ואינו נמדד עמה) אונ דער דעק ווערט ניט גימאסטען מיט דעם קאסטען (כיצד מודדין אותו) וויא מעסט מען דעם קאסטען מיט דעם דעק אוב דער דעק איז בהעפט צום קאסטען. ווייל דער דעק איז ניט איבער דעם גאנצען קאסטין. נאר איבער דיא העלפט. עס איז גימאכט וויא אפיר וואס איז האלב בדעקט וויא (אבויד) (ראש

תור. ר' יהודה אומר אם אינה יכולה לעמוד בפני עצמה טהורה: ג השידה והתיבה והמגדל שנטלה אחד מרגליהן אף על פי שמקבלין טהורין ושאינן מקבלין כדרכן. רבי יוסי מטמא. ונקליטי המטה. וחמור. וחפוי טהורין. אין טמא אלא מטה ומלבן

מכותל השידה עד ראש הכיפה והלל שתחתיו נמדד: אם אינה יכולה לעמוד בפני עצמה. השידה בלא הקמרון הקבועה בה: טהורה. אף ע"פ שהיא מחזקת ארבעים סאה. ואין הלכה כרבי יהודה:

ג אע"פ שמקבלים. כלומר אע"פ שלא נקבו בנטילת הרגלים ויש נכן בית קבול כבתחלה: טהורין. שכיון שנטל אחת מן רגליהן שוב אינן חשובין כלי לפי שאינן מקבלין כדרכן אלא נוטין לצד אחד וכשבורים דמו: ר' יוסי מטמא. כיון שלא נקבו בנטילת אחת מרגליהן ואין הלכ' כר"י. ורמב"ם גרים ושאינן מקבלים כדרכן רבי יוסי מטמא ומלהא באגפי נפשה היא

וה"ק שידה תיבה ומגדל שאינן מקבלין מ' סאה כשהן יושבין כדרכן ואם מעין אותן מקבלין מ' סאה ר' יוסי מטמא כיון שאין מקבלים כדרכן. וחכמים אומרים הואיל ומקבלין מ"מ אשיבי מחזיקים מ' סאה וטהורין: ונקליטי המטה. עמודים אחד מראשותי המטה וא' במרגלותיה ומשימין מקל מזה לזה ומשליכין עליו סדין ונעשה אהל: וחמור. תחת מלבן המטה משימין עץ חלול שהמלבן מונח עליו ונקרא חמור: וחפוי. כגון לפוי שמלפים המטה ונקליטיה: טהורים. דהוי מתכת המשמש לעץ: מלבן. לוחות חלולים עשוים להניח תחת כרעי המטה שלא ירקבו

תור) אין דער קרים וויא דער דעק איז מעסט מען גלייך מיט דעם דעק. אונ וויא עס איז האפען. זעהט מען גלייך וויא עס וואלט גיוועזן פארצוגען אפאדים אין דר קרים פון שפיץ דעק צוא דער אנטקעגנדיגע וואנט פון קאסטין. אונ מען מעסט ביז צום פאדים. רבי יהודה זאגט (אם אינה יכולה לעמוד בפני עצמה טהורה) אוב די קאסטין קען ניט זיין בזונדער אין דעם צודעק. איז דיא קאסטען טהור אפילו עס קען ניט אריין גיין אין איר קיין פערציג סאה: ג (השידה והתיבה והמגדל) דאס זענען אזעלכע קאסטינס (שניטלה אחת מרגליהן) וואס איין פוס פון זייערע פיס איז אפ גיבראכען גיווארען (אף על פי שמקבלין) אפילו מען קען אריין לייגין אין דיא קאסטינס דיא זעלביגע זאכען וואס מען האט אין זיא פריער אריין גילייגט. פון דעסטוועגין (טהורים) זענען זייא טהור (שאינן מקבלין כדרכן) ווייל דיא זאכען ליגען ניט אין דיא קאסטינס וויא זייא דארפין ליגען. נאר זייא זענען איין גיבויגען. ווייל דיא קאסטינס שטייען קרום דורך דיא צובראכענע פוס (רבי יוסי מטמא) רבי יוסי זאגט דיא קאסטינס קענען טמא ווערין נייין בהרעיבו (ונקליטי המטה) אבעט וואס איין שטעקין שטייט צוא קאפין אונ איין שטעקין צוא פוסין. אונ אויף דיא ביידע שטעקינס ליגט אשטעקין צוא דיא לייננג פון בעט. אריבער צוא דעקין אליילאך אויף דעם בעט (וחמור) מען נעמט פיר שטיקלאך האלין אונ מען מאכט אין זייא לעכער אונ מען שטעקט אריין דיא פיס פון בעט אין דיא שטיקלאך האלץ. דיא פיס זאלין ניט פארפוילט ווערין פון דיא ערד. יעדעס שטיקול האלץ הייסט מלבן. אונ אונטער דעם מלבן לייגט מען אונטער נאך אשטיקול האלין דס הייסט חמור. ווייל דיא פוס זיצט אויף דיא שטיקול האלץ אזו וויא מען זיצט אויף אאייזיל (וחפוי) אויב מען האט בדעקט דיא בעט מיט דיא פיס מיט אייזין בלעך (טהורים) דיא זאכען זענען טהור (אין טמא אלא מטה ומלבן) עס ווערט ניט מעהר טמא נאר

ומלבן. ומלבני בני לוי טהורין:

ד מלבן שנתנו על לשונות. ר"מ ור' יהודה מטמאין. ר' יוסי ור"ש מטהרין. א"ר יוסי מה שנה זה ממלבני בני לוי. שמלבני בני לוי טהורין:

ה מטה שהיתה טמאה מדרס. נטלה קצרה ושתי כרעים. טמאה: ארוכה ושתי כרעים. טהורה. ר' נחמיה מטמא. גדד שתי לשונות לוכסן

ירקבו מלחלוחית הקרקע ומטלטלי' עם המטה הילך טמאים דכמטה דמו : ומלבני בני לוי טהורין. לפי שרגילין לעלות לירושלים והולכי מעיר לעיר . ואין מוליכין המטות עמהן ומוליכין המלבנים הלכך אפי' קבועים בקרקעי המטה הואיל וסופן ליטל לאו כמטה חשיבי: ד מלבן שנתנו על לשונות. עץ העשוי כעין לשון שהמלבן מונח עליו : ר"מ ור"י מטמאין. שאף הוא מיטלטל עם המטה כמו מלבן : רבי יוסי ור"ש מטהרין. דלא מיטלטל בהדי מטה כולי האי והלכה כר"י ור"ש שמלבני בני לוי טהורין . ואע"ג דקביעי בכרעי המטה הואיל וסופן ליטל טהורים . הני לשונות נמי פעמים נטלים ממלבני המטה

ולאו כמטה חשיבי : ה מטה שהיתה טמאה מדרס . ששכב עליה זב או נדה או נשען : קצרה . אותן עלים שברוחב המטה לצד מראשותיה או מרגלותיה : ארוכה . אותן עלים שבאורך המטה מימין או משמאל והם נקראים ארוכות המטה: טהורה. דהא לא חזיא והויא כשברי כלים שהן טהורים : ר"נ מטמא. ואין הלכה כרבי נחמיה : גדד . חתך וקטע כמו גודו אילנא : שתי לשונות לוכסן . שני עלים העשויין כלשון שמלבני המטה מונחי' עליהן חתך באלכסון אחד שבמקצוע מזרחית דרומית ואחד שבמקצוע מערבית צפונית טהורה דהא לא חזיא . וכן אם גדד שתי כרעי' טפח על טפח לוכסן . מכרע שבמקצוע מזרחית

אבעט אונ דער מלבן . ווייל דער מלבן ווערט צוא גישלאגין מיט טשוועקעס צוא דיא פיס פון בעט (ומלבני בני לוי טהורים) דיא לוים זאונ כהנים) וואס קומען אין ירושלים צוא טאהן דיא עבודה נעמען זייא ניט מיט קיין בעטין . נאר דיא מלבנים פון זייערע בעטין נעמען זייא מיט . אונ זייא בארגין בעטין אין ירושלים . אונ אונטער דיא פיס שטעלין זייא ארונטער דיא מלבנים . אונ אז זייא גייען אהיים געבין זייא צוריק דיא בעטין אונ נעמען צוא דיא מלבנים . דיא מלבנים ווערין ניט טמא ווייל זייא זענען ניט צוא גיש אגעו מיט טשוועקעס צום בעט : ד (מלבן שנתנו על לשונות) אז מען האט גישטעלט דעם מלבן אויף אברעט וואס איז גימאכט וויא אצינג (רבי מאיר ורבי יהודה מטמאין) רבי מאיר אונ רבי יהודה זאגין אז דיא ברעט קען טמא ווערין (רבי יוסי ורבי שמעון מטהרין) רבי יוסי אונ רבי שמעון זאגין דיא ברעט קען ניט טמא ווערין (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי גיזאגט (מאי שנא זה ממלבני בני לוי) פאר וואס זאל די ברעט זיין אנדערש וויא דיא מלבנים פון דיא לוים (שמלבני בני לוי טהורים) דיא מלבנים פון די לוים זענען טהור ווייל זייא זענען ניט בהעפט צום בעט . דיא ברעט איז אויך ניט בהעפט צום בעט : ה (מטה שהיתה טמאה מדרס) אבעט וואס איז גיוועזן טמא ווייל אזב איז אויף איר גילעגין (ניטלה קצרה ושתי כרעים) אונ עס איז צוא גינומען גיווארען פון איר דיא שמאלע זייט ודער צוא קאפין אדער דער צוא פוסין) מיט בידע פיס טמאה) קען דיא בעט טמא ווערין (ארוכה ושתי כרעים) אונ אויב דיא לאנגע זייט פון בעט מיט צוויא פיס זענען צוא גינומען גיווארען (טהורה) איז דיא בעט טהור (רבי נחמיה מטמא) רבי נחמיה זאגט דיא בעט קען נאך טמא ווערין (גדד שתי לשונות לוכסן

לוכסן גדר שתי כרעים (טפח על טפח) לוכסן או שמעטה פחות מטפח. טהורה: ו מטה שהיתה טמאה מדרס. נשברה ארוכה ותקנה. טמאה מדרס. נשברה שנייה ותקנה. טהורה מן המדרס. אבל טמאה מגע מדרס. לא הספיק לתקן את הראשונה עד שנשברה שניה טהורה: ז כרע שהיתה טמאה מדרס וחברה למטה (כלה) טמאה מדרס. פרשה היא טמאה

דרומית גדר טפח ומכרע במקצוע מערבית ותקנה שהביא ארוכה אחרת תחת השבורה צפונית גדר טפח כשבורה דמיא: או שמיעטה וחברה למטה נטמאת מגע מדרס שהרי נגעה מטפח. שגדד רגליה ואין טפח מן המטה במטה הטמאה מדרס וכי נשברה שנייה דפרח לארץ לא חשיבא: ן ותיקנה טמאה מדרס. מינה טומאת מדרס אשתייר בה טומאת מגע עדיין עומד' בטומאת' כיון דקיימא שניה: טהורה מן המדרס. אע"ג דנתקל' ראשונה קודם שנשברה שניה מ"מ טהורה דפנים חדשות באו לכאן שלאחר שירדה לה טומאת מדרס נתחדשו לה פנים הללו ואין זו הראשונ' מאחר שכבר נתקלקל בה כדי בטולה: אבל טמא מגע מדרס. משום דארוכה ראשונה כשנשברה דכל המטה מחוברת לראשונה שנתקנה: עד שנשברה שניה טהורה. דכיון דנשברו שתי הארוכות תו לא חזיא. ולא דמי להיכא דנתפרקה וכולה קיימת דהתם סופו להחזיר פרקים ולחברה: ז כרע. של מטה שהיתה טמאה מדרס שדרס הזב על הכרע כשהיה בפ"ע שלא היה מחובר למטה: כלה טמאה מדרס

צוויא ברעטער וואס דיא פיס פון בעט שטייען אויף זייא אונ זענען גימאכט וויא אצונג. האט ער דיא צוויא ברעטער אפ גישניטען אין דער קרום איינע אין ווינקעל מזרחית דרומית אונ איינע אין ווינקעל מערבית צפונית (גדד שתי כרעים טפח על טפח לוכסן) אז ער האט אפ גישניטען צוויא פיס אין דער קרים פון יעדער פוס האט ער אפ געשניטען אטפח (או שמעטה פחות מטפח) אדער ער האט פון אלע פיס אפ געשניטען שטיקלאך אונ דיא בעט איז נידעריגער גיווארן. פון בעט צו דיא ערד איז ניטא קיין טפח (טהורה) איז דיא בעט טהור: ו (מטה שהיתה טמאה מדרס) א בעט וואס איז גיוועז טמא וייל א זב איז אויף איר גילעגין (נשברה ארוכה ותקנה) אונ דיא לאנגע זייט פון בעט איז צוא בראכען גיווארען אונ מען האט איר פאריכט מען האט איר אריין גיזעצט א נייע ברעט (טמאה מדרס) איז דיא בעט טמא פון פריער וייל דער זב איז אויף איר גילעגין (נשברה שניה) דער נאך איז דיא אנדערע זייט צוא בראכין גיווארין (ותקנה) אפילו מען האט איר אויך פאר כט. פון דעסטוועגין (טהורה מן המדרס) איז זיא טהור פון דיא ערשטע טומאה וואס דער זב איז אויף איר גילעגין (אבל טמאה מגע מדרס) זיא איז אבער טמא וייל זיא האט אנגערירט אן זיך אליין וואס זיא איז גיוועז פריער טמא מדרס (לא הספיק לתקן את הראשונה עד שנשברה שניה) אויב ער האט ניט צייט גיהאט צוא פאריכטין דיא ערשטע זייט ביז דיא אנדערע זייט איז צוא בראכען גיווארען. וייל ביידע זייטען זענען צוא בראכען (טהורה) איז דיא בעט טהור: ז (כרע שהיתה טמאה מדרס וחברה למטה) א פוס פון א בעט וואס א זב האט אויף איר גיטרעטין. איז זיא גיווארען טמא. דער נאך האט ער דיא פוס גיהעפט צוא א בעט (טמאה מדרס) איז דיא גאנצע בעט טמא (פירשה) אויב דיא פוס איז אפ גישייט גיווארין פון בעט (היא טמאה מדרס) דיא פוס איז טמא וייל דער זב האט אויף איר גיטרעטין

טמאה מדרס והמטה מגע מדרס. היתה טמאה טומאת ז' וחברה למטה. כלה טמאה טומאת ז'. פרשה היא טמאה טומאת ז' והמטה טמאה טומאת ערב. היתה טמאה טומאת ערב וחברה למטה כלה טמאה טומאת ערב. פרשה היא טמאה טומאת ערב והמטה טהורה. וכן השן של מעדר: ח תפלה ארבעה כלים. התיר קציצה הראשונה ותקנה טמאה טמא מת (וכן שניה) וכן שלישית. התיר את הרביעית טהורה מטמא מת אבל טמאה מגע טמא מת. חזר

מדרס. דחבור עביד להו כאילו כולה גוף א': היתה טמאה טומאת ז'. כגון שנגעה במת: טומאת ערב. כגון שנגעה בטמא מת: והמטה טהורה. דלא נטמאה בנגיעת הכרע דראשון הוא ואין אדם וכלים מקבלין טומאה אלא מאב הטומאה: מעדר. כלי עץ שיש לו שינים ומהפכים בו את התבן ושיניו של מתכת ולפי שהשינים של פרקים ונעולים בו דינו כדין מטה שהיא של פרקים והאי וכן אטומאת ז' קאי דאין מעדר מיטמא מדרס: ח תפלה. בתפילין של ראש שנגעו במת איירי שיש בהן ד' בתים וכל בית נקראת קציצה: התיר קציצה. העביר בית אחד והביא אחר תחתיו: טמאה טמא מת. דחבור משוי להו גוף א' וכן שניה וכן שלישית כל זמן שהרביעית קיימת מחמת שמחוברת לרביעי' אבל כשהעביר גם הרביעית והחליפה באחרת פרחה מינייהו טומאת מת ונשאר בשלש קציצות טומאת מגע טמא מת. שהרי נגעו ברביעית כשחברן והיא עדיין קיימת אבל רביעית כשהוחלפה אין בגופה טומאה כלל דאי משום דנגעה בג' אין מגע עושה מגע שהג' ראשונות חדשות

(והמטה מגע מדרס) און דיא בעט איז טמא ווייל זיא האט אנגערירט אן דיא פוס וואס דער זב האט אויף איר גיטרעטין (היתה טמאה טומאת שבעה) אוב דיא פוס האט אן גערירט אן אמת וואס זיא איז טמא זיבען טאג (וחברה למטה) און מען האט בהעפט דיא פוס צום בעט (כלה טמאה טומאת שבעה) איז דיא גאנצע בעט טמא זיבען טאג (פירשה) אויב דיא פוס איז אפ גישייט גיווארען פון בעט (היא טמאה טומאת שבעה) דיא פוס איז טמא זיבען טאג (והמטה טמאה טומאת ערב) און דיא בעט איז טמא ביז נאכט (היתה טמאה טומאת ערב) אויב די פוס האט אנגערירט אן אשרץ וום איז טמא ביז נאכט (וחברה למטה) און ער האט דיא פוס בהעפט צום בעט (כלה טמאה טומאת ערב) איז דיא גאנצע בעט טמא ביז נאכט (פירשה) אוב דיא פוס איז אפ גישייט גיווארען פון בעט (היא טמאה טומאת ערב) דיא פוס איז טמא ביז נאכט (והמטה טהורה) און דיא בעט איז טהור (וכן השן של מעדר) און אזוי איז דער דין ביי דיא ציין פון דעם האלין וואס מען צוא שפרייט מיט אים דיא תבואה אין שייער. דיא ציין זענען פון אייזן: ח (תפלה) דיא תפילין פון קאפ (ארבעה כלים) ווערין גירעכענט פאר פיר כלים (התיר קציצה הראשונה ותקנה) אז ער האט אפ גיבראכין איין בית און ער האט גימאכט אויף דעם ארט אנייעם (טמאה טמא מת) אויב דיא תפילין זענין גיוועזן טמא פון אמת. זענין זייא נאך דעם פאריכטין אויך טמא (וכן שניה) און אזוי אז דער אנדערער בית איז אויך אפ גיבראכין גיווארען. און ער האט גימאכט אנייעם (וכן שלישית) און אזוי אז דער דריטער בית איז אויך אפ גיבראכען גיווארען און ער האט גימאכט אנייעם. זענען דיא תפילין טמא פון פריער (התיר את הרביעית) אבער אז דער פערדער בית איז אויך אפ גיבראכען גיווארען. און ער האט אים אויך גימאכט אנייעם (טהורה טמא מת) איז זיא טהור פון דאס אנרירונג פון מת; זיא איז ניט טמא

לראשונה והתירה ותקנה. טמאה במגע וכן שניה. התיר את השלישית טהורה. שהרביעית במגע ואין מגע עושה מגע: **ט** מטה שנגנב חציה. או אבד חציה. או חלקוה אחין או שותפין. טהורה. החזירוה מקבלת טומאה מכאן ולהבא. מטה מיטמאת חבילה ומיטהרת חבילה דברי ר' אליעזר. וחכ"א מיטמאת אברים ומיטהרת אברים:

המפרק

גינה: שנגעו בטמאת מת ואין הרביעית החדשה מקבלת מהן טומאה ואין טומאה ברביעית החדשה אלא מאותן שמחוברת לשלש הטמאות מגע הלכך כשחזר והחליף הג' פעם שניה טהרו כלן ואפי' מגע לית בהו: **ט** טהורה. ואפי' אילא ארוכה וכ' כרעים הואיל ואין בדעתם להחזיר וכי מהני ד"ק במקום שהכל לאדם אחד: מקבלת טומאה מכאן ולהבא. אבל למפרע לא דכיון דחלקוה פרחה טומאה מינה: מיטמאה חבילה. אם פרשה הכרע מן הארוכה ועומדת עם הקלרה הוי חבור חבילה עם הקלרה. שהקלרה חוגלת עליה ואם נטמא הכרע נטמאת הקלרה כשם דהויה חבור כשלימה דמטביל מטה שלימה כשהיא שלימה אם נטמא אחד מאבריה טהורה. אע"פ שלא פירקה. אבל כשאת נטמאת אלא כך נמי כשפירש הכרע מן הארוכ' ועומדת עם הקלרה נעשית חבילה עם הקלרה. וכשנטמאת הכרע נטמאת הקלרה עמה: ומיטהרת חבילה. שאם הטביל הכרע עם הקלרה אין הקלרה חוגלת עליה כי היכי דלא חיילה עליה כשמטבילה כשהיא שלימה: וחכ"א מיטמאת אברים. ולא חבילה דאם נטמאת כרע היא טמאה ולא קלרה. דאינה חבור כשלימה: ומיטהרת אברים. כשבא להטביל מטביל הכרע בפני עצמה. ולא

זיבען טאג (אבל טמאה מגע טמא מת) נאר זיא איז טמא ווייל זיא האט אנגערירט אן אמת איז זיא נאר טמא איין טאג ביז נאכט (חזר לראשונה והתירה ותקנה) אוב ער האט נאך אמאהל אפ געבראכען דעם ערשטין בית אונ האט געמאכט אויף דעם ארט אנייעם (טמאה במגע) איז דיא תפלה טמא ווייל זיא רירט אן יענע דרייא (וכן שניה) איג אזו אז ער האט אפ געבראכען דעם אנדערין בית אונ האט געמאכט אוף דעם ארט אנייעם. איז דיא תפילה טמא ווייל זיא רירט אן יענע צווייא (התיר את השלישית) אוב ער האט אפ געבראכען דעם דריטען בית אונ האט געמאכט אוף דעם ארט אנייעם (טהורה) איז די תפילה טהור (שהרביעית במגע) דיא פערדע איז דאך אוך נאר טמא ווייל זיא האט אן אנגערירט (ואין מגע עושה מגע) אונ דיא זאך וואס איז טמא פון אנרירען ווייל זיא האט אנגערירט אן אזאך וואס האט אנגערירט אן אמת קען נים מטמא זיין איין אנדער זאך דורך דעם אנרירען: **ט** (מטה שנגנב חציה) אבעט וואס העלפט פון איר איז גינגנבת גיווארען (או אבד חציה) אדער העלפט פון איר איז פאר לארען גיווארען (או חלקוה אחין) אדער ברידער האבען גירשת אבעט אונ האבין זיך צוא טיילט מיט איר (או שותפין) האבין גיהאט אבעט בשיתפות אונ האבין זיך צוא טיילט מיט איר (טהורה) איז דיא בעט טהור (החזירוה) אז זייא האבען דיא בעט צוריק צוזאמען גישטעלט (מקבלת טומאה מכאן ולהבא) אויב דיא בעט וועט פון איצט אן אנרירען אטומאה וועט זיא זיין טמא (מטה מיטמאה חבילה) אוב דיא פוס איז אפ גישייט גיווארין פון דיא לאנגע זייט פון בעט. אונ זיא האלט זיך מיט דיא קורצע זייט. אוב דיא פוס איז טמא גיווארען איז דיא קורצע זייט אוך טמא (ומיטהרת חבילה) אויב ער האט טובל גיוועו דיא פוס מיט דיא קורצע זייט צוזאמען איז אין גאנצען טהור (דברי רבי אליעזר) אזו זאגט רבי אליעזר (והחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגען (מיטמאה אברים) זיא ווערט טמא גלידערווייז.

דפירקה הכרע מן הארוכה. לא הוי חבילה עם הקצרה וצריך להטבילה בפני עצמה. והלכה כחכמים כך נראית פירוש משנה זו מן התוספתא וכך פירשו רבותי:

**המפרק** את המטה להטבילה. אע״פ שמיטהרה כשהיא שלימה. פעמים שהיא גדולה ואינה יכולה ליכנס במקוה וצריך לפרקה: והנוגע בחבלים. גרסינן. כלומר בין מפרק בין נוגע בחבלים טהור. ובמטה שנטמאה במת או במשכב הזב איירי וכגון שאין במטה ארוכה ושתי כרעים. ואפי׳ הכי צריך להטבילה. כדי שלא תחזור לטומאתה כשיחברנה. והנוגע בחבלים טהור. דמכיון שפרקה שוב אין החבלים חבור: החבל מאימתי חיבור. בתחלה כשאדם מסרג את המטה שלימה וסורג בה ג׳ בתים. ועדיין נשאר החבל ארוך הרבה. נטמאה המטה נטמא החבל. והנוגע בחבל. טמא. דכלו חבור הוא וסופו לסרגו: מן הקשר ולפנים. אם קשר חבל אחר לזה החבל שסורג בו. אין החבל האחר חבור מן הקשר ולחוץ: נימי הקשר. כשקושרים שני חבלים זה בזה מניחין מעט מראשי החבלים מזה ומזה ויוצאים חוץ לקשר. הן נקראים נימי הקשר: הנוגע בצרכו טמא. דכיון דצריך לקשר הם. שאם היה קושר בראשו החבל ממנו. היה הקשר ניתר. נמצא שאלו הנימין מעמידין הקשר וכקשר דמו: ר׳ יהודה אומר שלש אצבעות. הוו חבור. דהות צורך הקשר.

## פרק יט **המפרק** את המטה להטבילה.

הנוגע בחבלים, טהור. החבל מאימתי הוא חבור למטה משיסרג בה שלשה בתים. והנוגע מן הקשר ולפנים טמא. מן הקשר ולחוץ טהור. נימי הקשר. הנוגע בצרכו טמא. ובמה היא צרכו. רבי יהודה אומר שלש

אויב די א פוס איז טמא געוואָרין. איז נאָר דיא פוס טמא אונ ניט די קורצע זייט (ומיטהרת אברים) אז ער איז טובל. מוז ער טובל זיין דיא פוס בזונדער:

פרק יט א (המפרק את המטה להטבילה) אז ער נעמט פאר אנאנדער א בעט זיא זאל קענען אריין אין אמקוה טובל צוא זיין (הנוגע בחבלים טהור) אז ער רירט אן דיא שטריק פון בעט. וואס דיא בעט איז אום גפלאכטין מיט זיא. איז ער טהור (החבל מאימתי הוא חבור למטה) דער שטריק וואס מען פלעכט מיט אים דיא בעט. ווען הייבט ער בהעפט צום בעט. אז דיא בעט רירט אן אטומאה זאל דער שטריק אויך טמא ווערין (משיסרג בה שלשה בתים) אז ער האט נאר דריי מאהל דורך גיצוגען דעם שטריק אין דיא פלעכטונג. איז שוין דער שטריק בהעפט צום בעט. אונ אויב ער האט צוא גיבונדען נאך אשטריק צוא דעם שטריק וואס ער פלעכט מיט אים (מן הקשר ולפנים טמא) פון דעם קנופ אינוויניג צום בעט. דס הייסט דער ערשטער שטריק וואס ער פלעכט מיט אים. איז טמא (מן הקשר ולחוץ טהור) פון דעם קנופ צום אויסוויניג. דאס הייסט דער אנדערער שטריק דער צוא גיבונדענער. איז טהור (ווייל תוי״ט) (נימי הקשר) דיא צווייא העקין שטריק וואס גייען ארויס פון קנופ (הנוגע בצרכו טמא) אויב דיא טומאה רירט אן דעם שטיקל פון דעם העק וואס דער קנופ דארף אים. ווערט טמא (ובמה הוא צרכו) וויא פיל דארף זיין דער העק פון שטריק צום קנופ. דער קנופ זאל ניט אויף גיבונדין ווערין. רבי יהודה זאגט (שלש אצבעות) דרייא פינגער. ווארום ווייניגער וויא דרייא פינגער וועט דער קנופ אויף גיבונדען ווערין. אונ מער וויא דרייא פינגער דארף מען ניט צום קנופ. ווערט דאס ניט טמא ביט דעם

ב החבל היוצא מן המטה עד ה' טפחים טהור. מחמשה ועד עשרה טמא. מעשרה ולחוץ טהור. שבו קושרין את הפסחים ומשלשלין את המטות: ג מיזרן היוצא מן המטה כל שהוא דברי רבי מאיר. ר' יוסי אומר עד עשרה טפחים. שירי מיזרן שבעה טפחים. כדי לעשותו חבק לחמור: ד נישא הזב על המטה ועל המיזרן מטמא שנים

ספי לה: ב החבל היוצא מן המטה. מה שנשאר ממנו לאחר שגמר הסרוג: עד חמשה טפחים טהור. דלא חזי למידי לצורך המטה ולא חשיב לה יד: מחמשה ועד עשרה טמא. דחזי לקשור בה הפסחים שהיו רגילים לקשור עם הפסח בחבל שבכרעי המטה כדי שיהיה מזומן להם. וחזי נמי לשלשל בו את המטה. כלומר להורידה מן העליה לגג. אי נמי להורידה אל המקוה לטבילה כשנטמאה: מעשרה ולחוץ טהור. דמה שיש בחבל יותר מעשרה. אינו משמש לצורך המטה כלום: ג המיזרן. כמין אזור. או אבנט של אריג שכורכים אותו סביב המטה כדי לחבר פרקיהם. ופעמים שהוא גדול הרבה ונגרר ויוצא חוץ מן המטה: היוצא

מן המטה. והמטה טמאה מדרס: כל שהוא. אפי' יותר כמה אמות חוץ למטה הכל טמא: רבי יוסי אומר עד עשרה טפחים. טמא בטומאת המטה. מעשרה ולמעלה טהור. והלכה כר' יוסי: שירי מיזרן. מיזרן שבלה ונקרע כמה ישתייר ממנו ויהיה טמא: שבעה טפחים. דבציר מהכי לא חזי למידי ולא חשיב כלי: חבק. י"מ בגד עב וקשה שמשימי' על החמור כשבא מן הדרך והוא מזיע. כדי שלא יצטנן לאחר שמסירין ממנו האוכף. ויש מפרשים שמשימים אותו על משוי החמור כדי שלא יפסד אם ירדו עליו גשמים. ד נישא הזב על המטה ועל המיזרן. לאו דוקא נישא על המיזרן אלא נישא הזב על המטה שהמיזרן כרוך סביבותיה ויוצא ממנה: מטמא שנים

שטריק: ב (הַחֶבֶל הַיּוֹצֵא מִן הַמִּטָּה) דער שטריק וואס בלייבט פון בעט דער נאך וויא ער האט פאר פלאכטין דיא גאנצע בעט (עַד חֲמִשָּׁה טְפָחִים) אויב דער שטריק איז ביז פינף טפחים דיא לייננג (טָהוֹר) איז ער טהור. (מֵחֲמִשָּׁה וְעַד עֲשָׂרָה) פון פינף טפחים ביז צעהן טפחים (טָמֵא) קען דער שטריק טמא ווערין אויב דיא בעט איז טמא ווערט דער שטריק אוך טמא (מֵעֲשָׂרָה וּלְחוּץ טָהוֹר) אונ דיא שטיק שטריק וואס איז לייננער וויא צעהן טפחים איז טהור (שֶׁבּוֹ) מיט אים. מיט דעם שטריק וואס איז לאנג פון פינף טפחים ביז צעהן טפחים (קוֹשְׁרִים אֶת הַפְּסָחִים) בינט מען צוא צום פוס פון בעט דעם קרבן פסח (מְשַׁלְשְׁלִין אֶת הַמִּטּוֹת) מיט דעם שטריק קען מען אראפ לאזין דיא בעט פון דאך אראפ אדער אין א מקוה אריין: ג (מִיזְרָן הַיּוֹצֵא מִן הַמִּטָּה) דער שטריק וואס איז ארום גיבונדען ארום בעט אזו וויא א גארטיל אונ דיא בעט איז טמא. אויב עס איינגט אראפ א שטיקול פון דעם שטריק (כָּל שֶׁהוּא) וויא פיל דער שטריק איז לאנג. איז ער אין גאנצען טמא (דִּבְרֵי רַבִּי מֵאִיר) אזוי זאגט רבי מאיר. רבי יוסי זאגט (עַד עֲשָׂרָה טְפָחִים) ביז צעהן טפחים איז דער שטריק טמא אונ לייננער וויא צעהן טפחים איז ער טהור (שְׁיָרֵי מִיזְרָן) אויב דער גארטיל איז פארפוילט אונ צוריסען גיווארען וויא פיל זאל בלייבען פון אים ער זאל קענען טמא ווערין (שִׁבְעָה טְפָחִים) זיבען טפחים (כְּדֵי לַעֲשׂוֹתוֹ חֶבֶק לַחֲמוֹר) מען זאל מיט אים קענען צוא בינדען דיא משאוי וואס אויף דעם אייזיל ענין תויטן. אבער ווייניגער וויא זיבען טפחים ניצט ניט צוא קיין זאך. איז דער שטריק טהור: ד (נִישָּׂא הַזָּב עַל הַמִּטָּה) אויב א זב איז גיטראגען גיווארען אויף א בעט (וְעַל הַמִּיזְרָן) אונ דיא בעט איז ארומגעוויקולט מיט דעם גארטיל. אונ א שטיק שטריק פון

שנים ופוסל אחד דברי רבי מאיר. ר' יוסי אומר נישא הזב על המטה ועל המיזרן י' טפחים. מטמא שנים ופוסל אחד. מעשרה ולחוץ מטמא אחד. ופוסל אחד. נישא על המיזרן מעשרה ולפנים טמא. מעשרה ולחוץ טהור: **ה** מטה שהיתה טמאה מדרס וכרך להמיזרן כולה טמאה מדרס

ופוסל אחד דברי ר"מ. ר"מ לטעמיה דאמר לעיל דאפי' המיזרן יוצא מן המטה כל שהוא ואפי' טובא הוי חבור למטה ומטמא שנים ופוסל אחד כמטה עצמה. שכל שהזב נישא עליו ונעשה משכב ומושב של זב. הוי אב הטומאה והנוגע בו הוי ראשון וראשון עושה שני. ושני עושה שלישי לפסול את התרומ' בלבד אבל לא לטמא והיינו מטמא שנים דהיינו ראשון ושני פוסל א' והוא שלישי שהוא פסול בתרומה בלבד והמיזרן כל זמן שלא פירש מן המטה חשוב כאב הטומאה ומטמא שנים ופוסל אחד. אבל לאחר שפירש לא הוי אלא כולד הטומאה ומטמא א' ופוסל אחד כדין נוגע במשכב הזב: ר' יוסי אומר וכו'. רבי יוסי לטעמיה דאמר לעיל עשרה טפחים ותו לא הלכך זה שבתוך עשרה חשוב חבור למשכב ומטמא שנים ופוסל אחד כל זמן שלא פירש

אבל מה שחוץ לעשרה לא חשיב חבור למשכב ודינו כפירש. דמטמא א' ופיסל אחד: נישא על המיזרן מעשרה ולפנים טמאה. גרסי' ולא גרסי' טמא והכי פירושא. נישא הזב על המיזרן היוצא מן המטה. אם נישא מעשרה ולפנים לצד המטה. המטה טמאה מדרס דכיון דכל עשרה חשיבי חבור למט'. כשנטמא המזרן נטמאה המטה אבל מעשרה ולחוץ דלא הוו חבור למטה טהורה המטה ולא נטמאה (בטומאת) המיזרן כך נראית בעיני פירוש משנה זו וגרסת רבותי דגרסי טמא וטהור ופירושן לא נתקבל לי וכן דברי הרמב"ם שכתב בפירוש משנה זו לא נכנסו באזני כלל ודקדקתי אח"כ בחבורו בס"ט פכ"ח [הלכה ט] נראה לי שטעה הזר בו ופירש משנה זו כמו שפירשתיה כאן: **ה** כולה טמאה מדרס. וכל זמן שלא פירש המזרן מן המטה הוי כמטה עצמה

כדפרשינן

---

דעם גארטיל איינגט אראפ (מטמא שנים) איז דער שטריק מטמא צווייא (ופוסל אחד) אונ מאכט פסול איינעם. דער שטריק הייסט אאב הטומאה. אונ ווער עס רירט אן דעם שטריק ווערט טמא. אונ ווער עס רירט אז דיא זאך ווערט אויך טמא אונ דיא דריטע זאך וואס רירט אז אן דיא אנדערע איז נאר טמא פאר זיך זיא קען ניט ווייטער מטמא זיין. זיא הייסט פסול (דברי רבי מאיר) אזו זאגט רבי מאיר. רבי יוסי זאגט (נישא הזב על המטה ועל המיזרן) אוב אזב איז גיטראגען געווארען אויף אבעט וואס זיא איז ארום געוויקולט מיט אגארטיל אונ אשטיק שטריק פון דעם גארטיל איינגט אראפ (עשרה טפחים) ביז צעהן טפחים (מטמא שנים ופוסל אחד) איז דער שטריק מטמא צווייא זאכען אונ מאכט פסול דיא דריטע זאה (מעשרה ולחוץ) פון צעהן טפחים אינ לייננער (מטמא אחד ופוסל אחד) איז דער שטריק נאר מטמא איין זאך אונ דיא אנדערע זאך ווערט נאר פסול (נישא על המיזרן) אוב דער זב איז גיטראגען געווארען אויף דעם שטריק וואס איינגט אראפ פון גארטיל. אונ ניט אויף דעם בעט (מעשרה ולפנים) פון צעהן טפחים אינווייניג צוא צום בעט (טמאה) איז דיא בעט טמא גלייך וויא דער זב וואלט אויף איר גיטראגען געווארען (מעשרה ולחוץ) אונ אויב ער איז גיטראגען געווארען אויף דיא שטיק שטריק וואס פון צעהן טפחים אן אונ ווייטער (טהורה) איז דיא בעט טהור: **ה** (מטה שהיתה טמאה מדרס) אבעט וואס איז געווען טמא וויל אזב איז אויף איר גילעגין (וכרך לה מיזרן) אונ ער האט ארומגעוויקולט אשטריק ארום בעט אזו וויא אגארטיל (כולה טמאה

כלפרסינן : והמיזרן מגע מדרס . ומטמא א׳ ופוסל א׳. כדין כל נוגע באב הטומאה : ך ונגע בהן המת. כשהן כרוכין יחד : טמאים טומאת ז׳ . בהא לא פליג ר׳ יוסי דדוקא בטומאה מדרס קאמר עד עשרה טפחים טמא מעשרה ולחוץ טהור אבל לשאר טומאות אפילו מאה אמה כלו חבור . כגון מזרן שהוא כרוך על המטה ונכנס המטה לאהל המת או נגעה בשרץ וכן אם נכנס קצה מן המזרן לאהל המת או נגע בשרץ נטמאת המטה נטמא המזרן נטמא המזרן נטמאת המטה ואפי׳ היה המזרן יוצא מן המטה מאה אמה : פירשו טמאים טומאת שבעה . ולא הוו ככלים שנשתברו כיון דכל א׳ מהן כלי בפני עצמו אע״ג דלענין קבלת טומאה חשובים ככלי א׳ וכשנגע׳ טומאה בא׳ מהן נטמא האחר :

שנטלו

מדרס · פרשה היא טמאה מדרס והמיזרן מגע מדרס . היתה טמאה טומאת שבעה וכרך לה מיזרן · כולה טמאה טומאת שבעה · פרשה . היא טמאה טומאת שבעה · והמיזרן טמא טומאת ערב . היתה טמאה טומאת ערב וכרך לה מיזרן כולה טמאה טומאת ערב · פרשה . היא טמאה טומאת ערב והמיזרן טהור : ך מטה שכרך לה מיזרן ונגע בהן המת טמאין טומאת שבעה · פרשו · טמאין טומאת שבעה · נגע בהן השרץ טמאין טומאת ערב . פרשו · טמאין טומאת

ערב

מדרס) איז דיא בעט מיט דעם שטריק טמא אב הטומאה (פירשה) אז מען האט אפ גישייט [צוא גינומען] דעם שטריק פון בעט (היא טמאה מדרס) דיא בעט איז טמא אב הטומאה (והמיזרן מגע מדרס) אונ דער גארטל איז טמא וייל ער האט אנגערירט אן בעט וואס דיא בעט איז אב הטומאה · איז דער גארטיל ראשון לטומאה (היתה טמאה טומאת שבעה) אוב דיא בעט איז גיוועזן טמא אויף זיבען טאג . ווייל זיא האט אן גערירט אן אמת (וכרך לה מיזרן) אונ ער האט ארומגעוויקולט אשטריק ארום בעט אזוי וויא אנארטיל (כלה טמאה טומאת שבעה) איז דיא בעט אין גאנצען מיט דעם שטריק טמא זיבען טאג (פירשה) אז מען האט אפ גישייט וצוא גינומען] דעם שטריק פון בעט (היא טמאה טומאת שבעה) דיא בעט איז טמא זיבען טאג (והמיזרן טמא טומאת ערב) אונ דער גארטיל איז נאר טמא ביז נאכט (היתה טמאה טומאת ערב) אוב דיא בעט איז גיוועזן טמא ביז נאכט (וכרך לה מיזרן) אונ ער האט ארומגעוויקולט אשטריק ארום בעט אזו וויא אנארטיל (כלה טמאה טומאת ערב) איז דיא בעט אין גאנצין מיט דעם שטריק טמא ביז נאכט (פירשה) אז מען הט אפ גישייט [צו גינומען] דעם שטריק פון בעט (היא טמאה טומאת ערב) די בעט איז טמא ביז נאכט (והמיזרן טהור) אונ דר גארטיל איז טהור :
ך (מטה שכרך לה מיזרן) אז ער האט ארום געוויקולט אנארטיל ארום בעט (ונגע בהן המת) אינ אמת האט אנגערירט אן איינעם פון דיא ביידע . אן גארטל אדער אן בעט (טמאין טומאת שבעה) איז דיא בעט אונ דער גארטל טמא זיבען טאג (פרשו) אז מען האט אפ גישייט [צוא גינומן] דעם גארטל פון בעט נאך דעם וויא דיא טומאה האט אנגערירט אן איינעם פון זייא ביידע (טמאין טומאת שבעה) זענען אויך ביידע טמא זיבען טעג (נגע בהן השרץ) אוב אשרץ האט אנגערירט דיא בעט אדער דעם גארטל ווען דר גארטל איז גיוועז ארום געוויקולט ארום בעט (טמאין טומאת ערב) זענן ביידע טמא ביז נאכט (פירשו) אז מען האט אפ גישייט [צוא גינומן] דעם גארטיל פון בעט נאך דעם וויא דיא טומאה האט אנגערירט אין איינעם פון זייא ביידע (טמאין טומאת

ערב· מטה שנטלו שתי ארוכות שלה ועשה לה חדשות. ולא שנה את הנקבים נשתברו חדשות טמאה. וישנות טהורה שהכל הולך אחר הישנות: ז תיבה שפתחה מלמעלה טמאה טמא מת· נפחתה מלמעלה טמאה טמא מת· נפחתה מלמטה טהורה. מגורות שבה טמאות ואינם חבור לה: ח התורמל שנפחת כיס שבתוכו טמא. ואינו חבור לו· החמת

שנטלו שתי ארוכות. שלה ולא נשתברו וכן דכיון דשולים קיימים אכתי חזיא לתשמיש כלאו וא להחזירן למקומן הלכך לא טהרה המטה ודוקא טומאת מת אבל לא טומאת מדרס דלא מטמאתה בנטילת הארוכות : נשתברו חזיא לישיבה : נפחתה מלמטן. בשולים בכל חרשות טמאה. שהרי הישנות קיימות ולא בית קבול שלה וטהורה לגמרי : מגורות שלה. נשתנו הנקבים. והוי כנתפרקה אבר אבר וכל אבריה שלמים אבל נשתברו הישנות טהורה. לפי שהישנות הן שהיו במטה כשנטמאתה וכשנשתברו הוי המטה שבר כלי דלא חזי בלא ארוכות: ז תיבה שנפתחה מלמעלה. ככסוי שלה: טמאה טמא מת. אוצרות שבה דהיינו חדרים שבתוכה שלא נפתחו עמה טהורות : ח התורמל. כיס גדול של עור שהרועה נותן כליו לתוכו ובתוך התורמל יש כיסין קטנים כמו המגורות בתיבה : החמת. נאד של עור : שהביצים שלה

עֶרֶב) זֶענֶן אוֹךְ בֵּיידֶע טָמֵא בִּיז נַאכְט (מִטָּה שֶׁנָּטְלוּ שְׁתֵּי אֲרוּכוֹת שֶׁלָּהּ) אַז מֶען הָאט צוּא גִינוּמֶן פוּן אַבֶּעט דִיא צְוֵוייא זַייטִיגֶע בְּרֶעטֶער דִיא לַאנְגֶע (וְעָשָׂה לָהּ חֲדָשׁוֹת) אוּנ עֶר הָאט גִימַאכְט צְוֵוייא נַייֶע בְּרֶעטֶער אוּנ הָאט זַייא אַרַיין גִיזֶעצְט אִין בֶּעט (וְלֹא שִׁנָּה אֶת הַנְּקָבִים) אוּנ עֶר הָט נִיט גִיעֶנְדֶערְט דִיא לֶעכֶער פוּן בֶּעט. נָאר עֶר הָאט אַרַיין גִיזֶעצְט דִיא נַייֶע בְּרֶעטֶר אִין דִיא זֶעלְבִּיגֶע לֶעכֶר וָואס דִיא אַלְטֶע בְּרֶעטֶער זֶענֶן גִיזֶעסֶין (נִשְׁתַּבְּרוּ הַחֲדָשׁוֹת) אוּב דִיא נַייֶע בְּרֶעטֶער זֶענֶן צוּא בְּרָאכִין גִיוָוארִין (טְמֵאָה) אִיז נָאךְ דִיא בֶּעט טָמֵא וַוייל מֶען קֶען נָאךְ צוּרִיק אַרַיין זֶעצִין דִיא אַלְטֶע בְּרֶעטֶער (וִישָׁנוֹת) אוּב דִיא אַלְטֶע בְּרֶעטֶער זֶענֶן צוּא בְּרָאכִין גִיוָוארִין (טְהוֹרָה) אִיז דִיא בֶּעט טָהוֹר (שֶׁהַכֹּל הוֹלֵךְ אַחַר הַיְשָׁנוֹת) וָוארוּם מֶען גֵייט אַלְץ נָאךְ דִיא אַלְטֶע בְּרֶעטֶער. וַוייל זַייא זֶענֶען גִיוֶוען אִין בֶּעט וָוען דִיא בֶּעט אִיז טָמֵא גִיוָוארִין. אוּנ אַז זַייא ווֶערִין צוּא בְּרָאכִין. אִיז דָאךְ דִיא בֶּעט צוּא בְּרָאכִין גִיוָוארִין. אִיז דִיא בֶּעט טָהוֹר: ז (תֵּיבָה שֶׁפִּתְחָהּ מִלְמַעְלָה) אַקַאסְטִין וָואס דִיא טִיר אִירֶע אִיז פוּן אוּבִין (טְמֵאָה טָמֵא מֵת) קֶען זִיא טָמֵא וֶוערִין פוּן אַמֵת (נִפְחֲתָה מִלְמַעְלָה) אוּב דֶר אוּבֶּערְשְׁטֶער דֶעק אִיז צוּא בְּרָאכִין גִיווָארִין (טְמֵאָה טָמֵא מֵת) קֶען זִיא טָמֵא וֶוערִין פוּן אַמֵת (נִפְחֲתָה מִלְמַטָּה) אוּב דֶר אוּנְטֶערְשְׁטֶר דֶעק אִיז צוּ בְּרָאכִין גִיווָארִין (טְהוֹרָה) אִיז דִיא קַאסְטִין טָהוֹר (מְגוּרוֹת שֶׁבָּהּ) דִי קְלֵיינֶע קֶעסְטְלִיךְ וָואס זֶענֶן אִין דִיא גְרוֹסֶע קַאסְטִין אוּנ זַייא זֶענֶן נִיט צוּ בְּרָאכִין (טְמֵאוֹת) זֶענֶן זַייא טָמֵא (וְאֵינָם חִבּוּר לָהּ) אוּנ זַייא הֵייסִין נִיט קֵיין בַּהֶעפְטוּנְג צוּא דִי גְרֹסֶע קַאסְטִין: ח (הַתּוֹרְמַל שֶׁנִּפְחַת) דִיא לֶעדֶערְנֶע טָארְבֶּע פוּן דֶעם פַּאסְטוּךְ אוּב זִיא אִיז צוּא רִיסִין גִיוָוארִין (כִּיס שֶׁבְּתוֹכוֹ) אוּב אִין דִיא טָארְבֶּע אִיז דָא אַקְלֵיינֶע בֵּייטִיל נִיט צוּ רִיסִין (טָמֵא) קֶען דִיא קְלֵיינֶע בֵּייטִיל טָמֵא וֶוערִין (וְאֵינוֹ חִבּוּר לוֹ) אוּנ דִיא קְלֵיינֶע בֵּייטִיל הֵייסְט נִיט קֵיין בַּהֶעפְטוּנְג מִיט דִי גְרוֹסֶע בֵּייטִיל. אוּנ דִי גְרוֹסֶע בֵּייטִיל דִי טָארְבֶּע אִיז טָהוֹר (הַחֵמֶת) אַבֵּייטִיל אַגְרוֹסֶע וָואס אִיז גִמַאכְט גִוָוארִן פוּן אַגַאנְצֶע פֶעל: אוּנ אוּב דִיא פֶעל אִיז פוּן אַבְהֵמָה אַזָכָר אִיז דֶער אָרְט פוּן זַיינֶע בֵּיצִים (אֵייעֶר) אַזוֹי וִויא צְוֵוייא קְלֵיינֶע בֵּייטֶעלַאךְ אִין אַגְרוֹסֶע בֵּייטִיל. זָאגְט דִיא מִשְׁנָה (חֵמֶת שֶׁהַבֵּיצִים

שלה מקבלות עמה . כשמפשיטין עורות טלאים והתישים הזכרים נשאר העור שבמקום הביצים כמין כיס קטן . ואם נפחתו טהורות שבטל בית קבול שלהן : ט שפתחה מצדה . כשפתחה מלמעלה אינה טמאה מדרס . דאם ישב עליה ובאים להשתמש בה אומרים לו עמוד ונעשה מלאכתנו . אבל כשפתחה מן הצד יכול להשתמש אע"פ שיושב עליה : בזמן שאינה גבוהה י' טפחים . כשגבוהה י' לא חזיא ליסיבה כולי האי : או שאין לה לזבז . דכשיש לה לזבז מזיק ליושב : נפחתה מלמטן . בשוליה לא חזיא לתשמיש . אבל חזיא ליסיבה . מפני שבטל העקר. עקר התיבה היא עשויה להחזיק בשוליה מה שמשימים בתוכה . ועל ידם היא נקראת כלי וכיון שנפחתו שוליה ובטלו. בטלו גם דפנותיה מלמעלן . ושוב אינה מקבלת שום טומאה והלכה כחכמים :
י משפלת. קופה גדולה שמוליכין בה הזבל והאשפה שנפחתה

שביצים שלה מקבלות עמה ונפחתו טהורות שאינם מקבלות כדרכן :
ט תיבה שפתחה מצדה, טמאה מדרס . וטמא מת . א"ר יוסי אימתי בזמן שאינה גבוהה י' טפחים . או שאין לה לזבז טפח . נפחתה מלמעלן נטמאה טמא מת . נפחתה מלמטן ר"מ מטמא וחכמים מטהרין . מפני שבטל העיקר בטלה הטפלה :
י משפלת שנפחתה מלקבל רמונים . רבי

---

שֶׁלָּה מְקַבְּלוֹת עִמָּהּ) דִיא גְרוֹסֶע בֵּייטִיל וָואס דִיא קְלֵיינֶע בֵּייטֶעלַאךְ פוּן דִיא אֵייֶער קֶען מֶען אִין זַייא בַּזוּנְדֶר אַרֵיין לֵייגִין אָדֶער אַרֵיין גִיסֶען מַשְׁקֶה . אוּנ וָוען מֶען גִיסְט אַרֵיין מַשְׁקֶה אִין דִיא גְרוֹסֶע בֵּייטִיל וֶוערִין זַייא אוֹיךְ פוּל (וְנִפְחֲתוּ) אוּנ דִיא קְלֵיינֶע בֵּייטְלֶעךְ זֶענֶען צוּ רִיסִן גְוָוארִין (טְהוֹרוֹת) זֶענֶען זַייא טָהוֹר (שֶׁאֵינָם מְקַבְּלוֹת כְּדַרְכָּן) וַוייל זַייא קֶענֶען שׁוֹן נִיט צוּא נֶעמֶען קֵיין מַשְׁקֶה אַזוֹ וִויא זַייא פְלֶעגִין אַלֶע מָאהְל צוּא נֶעמֶען : ט (תֵּיבָה שֶׁפִּתְחָהּ מִצִּדָּהּ) אַקַאסְטֶן וָואס דִיא טִיר אִיז בַּייא דֶר זַייט . נִיט פוּן אוֹבְּן . קֶען מֶען פוּן אוֹבְּן זִיצְן אוֹיף דִיא קַאסְטְן . אוּנ פוּן דֶר זַייט עֶפִינְט מֶען דִיא טִיר אוּנ מֶען לֵייגְט אַרֵיין אוּנ מֶען נֶעמְט אַרוֹיס וָואס מֶען דַארְף (טְמֵאָה מִדְרָס) אוּבּ אַזָב זִיצְט אוֹיף אִיר וֶוערְט זִיא טָמֵא (וְטָמֵא מֵת) אוּנ זִיא קֶען טָמֵא וֶוערִין פוּן אַמֵּת (אָמַר רַבִּי יוֹסִי) הָאט רַבִּי יוֹסִי גְיזָאגְט (אֵימָתַי) וֶוען וֶוערְט זִיא טָמֵא פוּן אַזָב (בִּזְמַן שֶׁאֵינָהּ גְּבוֹהָה עֲשָׂרָה טְפָחִים) אַז דִיא קַאסְטֶן אִיז נִיט הוֹיךְ צֶעהְן טְפָחִים . אָבֶּער אַז זִיא אִיז הוֹיךְ צֶעהְן טְפָחִים אִיז נִיט דֶער שְׁטֵיינְר צוּא זִיצְן אוֹיף אִיר (אוֹ שֶׁאֵין לָהּ לַזְבֵּז טֶפַח) אָדֶער דִיא קַאסְטֶן הָאט נִיט קֵיין לֵייסְט אַרוּם אַטֶּפַח דִיא בְּרֵייט . אָבֶר אַז זִיא הָאט אַלֵייסְט אַרוּם אַטֶּפַח דִיא בְּרֵייט קֶען מֶען נִיט זִיצְן אוֹיף דִיא קַאסְטֶן (נִפְחֲתָה מִלְמַעְלָן) אוּבּ דֶר אוֹבֶּערְשְׁטֶר דֶעק אִיז צוּ בְּרָאכְן גִיוָוארִין קֶען מֶען נִיט זִיצְן אוֹיף דִיא קַאסְטֶן (נִטְמֵאָה טְמֵא מֵת) קֶען דִיא קַאסְטֶן טָמֵא וֶוערִין פוּן אַמֵּת אָבֶּער נִיט פוּן אַזָב (נִפְחֲתָה מִלְּמַטָּן) א'ב דֶר אוּנְטֶערְשְׁטֶר דֶעק אִיז צוּ בְּרָאכְן גִיוָוארִין . נִיצְן אִינְוֵוייניג אִין דִיא קַאסְטֶן קֶען מֶען נִיט נָאר זִיצְן אוֹיף דִי קַאסְטֶן קֶען מֶען (רַבִּי מֵאִיר מְטַמֵּא) רַבִּי מֵאִיר זָאגְט וַוייל מֶען קֶען זִיצְן אוֹיף דִיא קַאסְטֶן קֶען דִיא קַאסְטֶן טָמֵא וֶוערִין פוּן אַזָב אוּנ פוּן אַמֵּת (וַחֲכָמִים מְטַהֲרִין) אוּנ דִיא חֲכָמִים זָאגִין דִיא קַאסְטֶן אִיז טָהוֹר (מִפְּנֵי) וַוייל דֶער עִיקָר אִיז דָאךְ דִיא קַאסְטֶן גִימַאכְט גִיוָוארִין מֶען זָאל נִיצְן אִינְוֵוייניג (שֶׁבָּטֵל הָעִיקָר) אוּנ דֶר עִיקָר וָדאס אִינְוֵוייניגְסְטֶע גִיצוּנג אִיז דָאךְ בָּטֵל גִיוָוארִין (בָּטְלָה הַטְּפֵלָה) אִיז דָאס אַנְדֶערֶע גִיצוּנג דָאס זִיצְן אוֹיךְ בָּטֵל . וַוייל זִיא אִיז נִיט גִימַאכְט גִיוָוארִין צוּא זִיצְן אוֹיף אִיר : י (מַשְׁפֶּלֶת) אַגְרוֹיסֶע קָארְבּ וָואס מֶען טְרָאגְט אִין אִיר מִיסְט (שֶׁנִּפְחֲתָה מִלְּקַבֵּל רִמּוֹנִים) וָואס אִין אִיר אִיז אוֹיס גִיבְּרָאכְן גְוָוארְן

מלקבל רמונים שזהו שיעורה לטהר כשניקבה במוציא רמון : ר"מ מטמא . אע"פ שהיא טהורה משאר טומאות טמאה היא מדרס שראוי' לישיבה:וחכמים מטהרין.והלכה כחכמי':

מספות ושעורים והבהמה אוכלת כשהיא מכלכת : תורמל · כיס גדול של עור שהרועה נותן שם כל חפציו : כריתית . שק של עור קטן : רבצל . חמת קטן של עור שמשימים בו בשמים:

